**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/20/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל פארלאנגענדיג אז סטעיט רעגירונג דעמאגראפישע אינפארמאציע זאל אנערקענען מיטל מזרח און צפון אפריקאנע אפשטאם

***נייער געזעץ וועט העלפן די סטעיט שטודירן דעמאגראפישע אנטוויקלונגען אין מיטל מזרח און צפון אפריקאנע קאמיוניטיס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אונטערגעשריבן א ביל צו פארלאנגען אז באזונדערע אפשטאם קאטעגאריעס זאלן געמאכט ווערן פאר ווייסע, מיטל מזרח און צפון אפריקאנע גרופעס אין ניו יארק סטעיט. דורכן פארבעסערן די וועג וויאזוי סטעיט אגענטורן זאמלען דעמאגראפישע אינפארמאציע, וועט ניו יארק האבן מער אינפארמאציע איבער די אייגנארטיגע אנגעלעגנהייטן וואס אפעקטירן די גרופע און למעשה צוגעבן אינפארמאציע פאר פאסיגע פאליסי לייזונגען.

"מיר זענען אזוי שטאלץ אז קאמיוניטיס פון אריבער די וועלט פאררופן ניו יארק אלס זייער היים", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דאס איבערקוקן קראנטע אינפארמאציע איז א וויכטיגע פלאץ פון וואו אנצוהויבן ווען עס קומט צו מאכן רעגירונג פאליסיס. דורכן זיכער מאכן אז מיטל מזרח און צפון אפריקאנע קאמיוניטיס ווערן ריכטיג אפגעשפיגלט ווען די סטעיט רעגירונג זאמלט אינפארמאציע, וועלן מיר קענען אידענטיפיצירן וועגן צו שטיצן די קאמיוניטי גייענדיג פאראויס."

**ביל S6584C/A6219B** וועט פארלאנגען יעדע סטעיט אגענטור, באורד, דעפארטמענט אדער קאמיסיע וואס זאמלט דעמאגראפישע אינפארמאציע איבער די אפשטאם פון איינוואוינער צו נוצן באזונדערע קאטעגאריעס פאר די "ווייסע" גרופע אין ניו יארק סטעיט. די פראגע בויגן קאטעגאריעס און אנאליזן וועלן ארייַנרעכענען די פאלגנדע צפון אפריקאנע און מיטל מזרח גרופעס,

1. גרויסע צפון אפריקאנע (North African, NA) גרופעס: עגיפטן, מאראקא, סודאן, אלדזשעריע, טוניס און ליביע; און
2. גרויסע מיטל מזרח (Middle Eastern, ME) גרופעס: תימן, איראן, פאלעסטין, איראק, לבנון, מדינת ישראל, ירדן, סיריע, ארמעניע און סאודי אראביע; און
3. אנדערע מיטל מזרח און צפון אפריקאנע (Middle Eastern and North African, MENA) גרופעס

**סענאט דעפיוטי פירער Michael Gianaris (מייקעל דזשיענעריס) האט געזאגט,** "דאס ארייַנלייגן ניו יארקער'ס ראסע אין די נישט ריכטיגע קאטעגאריע איז נישט נאר באליידיגנד — עס האט עכטע השפעות ווען עס קומט צו סערוויסעס און הילפס-מיטלען וואס ספעציפישע קאמיוניטיס באקומען. איך בין שטאלץ אז די גאווערנער שרייבט אונטער די קריטישע ביל צו אנערקענען און רעספעקטירן ניו יארק'ס מיטל מזרח און צפון אפריקאנע קאמיוניטיס."

**אסעמבלי מיטגלידערין Jessica González-Rojas (Assemblymember, AM) (דזשעסיקע גאנזאלעז-ראָהאַס) האט געזאגט,** "פאר צו לאנג זענען מיטל מזרח און צפון אפריקאנע (MENA) קאמיוניטיס געמאכט געווארן ווי דורכזיכטיג דורכן נישט האבן די ריכטיגע אינפארמאציע זאמלונג אדער נישט ריכטיג צוטיילן אינפארמאציע קאטעגאריעס. דורכן נישט אריינרעכענען קאטעגאריעס פאר די פארשידענע קאמיוניטיס אין די צענזוס און נישט צוטיילן די אינפארמאציע קאטעגאריעס אין אונזערע סטעיט אינסטיטוציעס, זענען די באדערפענישן פון אונזערע שכנים נישט גענומען געווארן אין חשבון, און די רעגירונג דארף שטענדיג ארבעטן צו בעסער פארטרעטן די באדערפענישן פון אלע אונזערע בירגער. איך בין אזוי שטאלץ צו האבן געארבעט מיט Malikah, די קאאליציע פון ארגאניזאציעס, און מיין סענאט שותף, סענאטאר Gianaris (דזשיענעריס) צו האבן די ביל ווערן אריינגעשריבן אין געזעץ. עס איז שוין לאנג צייט אז די קאמיוניטיס זאלן גענומען ווערן אין חשבון און בעסער פארשטאנען ווערן און פארטרעטן ווערן. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן דאס אנערקענען און אונטערשרייבן די ביל. דאס וועט אונז ערלויבן צו בעסער באדינען MENA קאמיוניטיס אלס א רעגירונג און זיי אפפערן די מיטלען וואס זיי דארפן און וואס קומען זיך זיי."

**סטעיט סענאטארשע Kristen Gonzalez (קריסטען גאנזאלעז) האט געזאגט,** "איך בין אזוי באגייסטערט צו זעהן מיטל מזרח און צפון אפריקאנע ניו יארקער ווערנדיג אנערקענט און פארטרעטן אין אונזער געזאמלטע אינפארמאציע ווי עס פאסט זיך. א דאנק פאר די גאווערנער, סענאטאר Gianaris (דזשיענעריס), אסעמבלי מיטגלידערין Gonzalez-Rojas (גאנזאלעז-ראָהאַס), און אלע שתדלנים וועלכע זענען אויפגעשטאנען פאר MENA קאמיוניטיס."

**אסעמבלי מיטגלידערין Deborah Glick (דעבארע גליק) האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ געווען צו זיין א קאָו-ספּאנסאר אויף די ביל, און איך בין דערפריידט אז עס וועט אריינגעשריבן ווערן אין געזעץ. די רעגירונג דארף פרובירן צו ריכטיג באריכטן די דעמאגראפישע אינפארמאציע פון אונזער וואונדערליך פארשידנארטיגע באפעלקערונג, און דאס זאמלען די אינפארמאציע וועט העלפן מיטן פלאנירן איבער די וועג וויאזוי ניו יארקער פון מיטל מזרח און צפון אפריקאנע אפשטאם ווערן אנערקענט און געשטיצט."

**אסעמבלי מיטגלידערין Jo Anne Simon (דזשאָו ען סיימאן) האט געזאגט,** "די ביל מאכט זיכער אז מיטל מזרח און צפון אפריקאנע קאמיוניטיס ווערן ריכטיג אפגעשפיגלט אין ניו יארק סטעיט'ס דעמאגראפישע אינפארמאציע. פאר צו לאנג זענען די פארשידנארטיגע קאמיוניטיס אריינגעלייגט געווארן אין קאטעגאריעס וועלכע באהאלטן זייערע אייגנארטיגע ערפארונגען, באדערפענישן אוןביישטייערונגען. ריכטיגע געזאמלטע אינפארמאציע איז וועזנטליך צו מאכן פאליסיס וואס שפיגלען אפ די אמת'דיגע פארשידנארטיגקייט פון אונזער סטעיט, שטופן פאר גלייכקייט און ערלויבן אונז צו בעסער באדינען אונזערע בירגער."

**אסעמבלי מיטגלידערין Rebecca Seawright (רעבעקא סירייט) האט געזאגט,** "דאס ווערן פארטרעטן איז וויכטיג. איך לויב אויס גאווערנער Hochul (האקול) פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע ביל צו פארמיידן ראסיזם און פיינטליכקייט צו אויסלענדער פאר מענטשן פון מיטל מזרח אדער צפון אפריקאנע (Middle Eastern or North African, MENA) אפשטאם אריבער אונזער שטאט, סטעיט און לאנד. מיט די אונטערשרייבונג פון די קריטישע ביל, וועלן MENA ניו יארקער מער נישט זיין דורכזיכטיג, און זיי וועלן געשטיצט ווערן אין די געזעלשאפט, אריינרעכענענדיג מיט שפראך צוגענגליכקייט, האוזינג, העלטקעיר און מער."

**אסעמבלי מיטגליד Nader J Sayegh (נעידער דזש. סעיעג) האט געזאגט,** "אלס דער ערשטער ירדנ'ער-אמעריקאנער צו ערוויילט ווערן אלס א ניו יארק סטעיט אסעמבלימאן, אפלאדיר איך גאווערנער Hochul (האקול) פארן אונטערשרייבן די קריטישע ביל וואס אנערקענט די מיטל מזרח און צפון אפריקאנע אידענטיטעט. יעצט קענען מיטל מזרח און צפון אפריקאנע בירגער ענדליך אנערקענט ווערן און האבן זייערע באדערפענישן ערפילט דורך זייערע פארשטייער."

**אסעמבלי מיטגלידערין Catalina Cruz (קאַטאַלינע קרוז) האט געזאגט,** "היינט טוט ניו יארק סטעיט אונטערנעמען א גרויסע טריט אין ריכטונג פון גערעכטיגקייט און פאסיגע פארטרעטונג. די ביל מאכט זיכער אז מיטל מזרח און צפון אפריקאנע (MENA) קאמיוניטיס ווערן מער נישט פארקוקט ווען דעמאגראפישע אינפארמאציע ווערט געזאמלט, אפשפיגלנדיג זייערע אייגנארטיגע אידענטיטעטן און די שוועריגקייטן וואס זיי גייען אריבער, באזונדערס אין א צייט פון פארמערטע ראסיזם און פיינטליכקייט צו אויסלענדער. איך גראטוליר מיין קאלעגין, די ביל ספּאנסאר, אסעמבלי מיטגלידערין Jessica González-Rojas (דזשעסיקע גאנזאלעז-ראָהאַס). איר מידלאזע פירערשאפט האט ארויפגעברענגט די קריטישע נושא אויפן טיש. איך דרוק אויך אויס מיין דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אריינשרייבן די ביל אין געזעץ, ארויסווייזנדיג איר איבערגעגעבנקייט צו אריינעמען יעדן איינעם און ווייזן אז יעדע קאמיוניטי אין ניו יארק איז אנערקענט און געשעצט."

**אסעמבלי מיטגלידערין Dr. Anna Kelles (דר. אנא קעלעס) האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז ניו יארקער פון מיטל מזרח און צפון אפריקאנע אפשטאם שטייען אויס אייגנארטיגע דיסקרימינאציע וואס פירט צו גרעסערע געזונטהייט אומגלייכקייטן. זיי האבן אויך גרעסערע אויסזיכטן צו אויסשטיין האוזינג אומזיכערהייט, אביוז אינדערהיים און ארימקייט. טראץ דעם אלעם טוט די סיסטעם פון דעמאגראפישע קאטעגאריעס וואס מיר נוצן סיי פארמאסקירן זייער עקזיסטענץ און סיי מינימיזירן זייער שטיצע אריבער די סטעיט. די איינציגסטע ריכטיגע שריט צו אדרעסירן די אומגלייכקייטן איז צו טוישן אונזער סטאנדארט צו באהאלטן זייער עקזיסטענץ און ערפארונג דורכן זיי אריינלייגן אין די קאטעגאריע פון ווייסע מענטשן. איך וויל באדאנקען די ביל ספּאנסארס, סענאטאר Michael Gianaris (מייקעל דזשיענעריס) און אסעמבלי מיטגלידערין Jessica Gonzalez-Rojas (דזשעסיקע גאנזאלעז-ראָהאַס) פארן קעמפן פאר די וויכטיגע ביל צו ענדערן די סטאנדארט ביים זאמלען דעמאגראפישע אינפארמאציע אין ניו יארק, און אזוי אויך וויל איך באדאנקען די גאווערנער פארן זיכער מאכן אז די וויכטיגע ביל ווערט די געזעץ פון אונזער סטעיט."

**אסעמבלי מיטגליד Chris Burdick (קריס בוירדיק) האט געזאגט,** "די ביל איז גאר וויכטיג צו זיכער מאכן אז ניו יארקער פון מיטל מזרח אדער צפון אפריקאנע ( Middle Eastern or North African, MENA) אפשטאם ווערן אנערקענט אין אינפארמאציע געזאמלט דורך NYS, א קריטישע זאך צו קענען צושטעלן סטעיט סערוויסעס און שטיצע. די באזייטיגטע באפעלקערונג איז געווען כמעט ווי דורכזיכטיג, און צוליב דעם האבן זיי נישט געקענט באקומען די נויטיגע הילפס-מיטלען. אלס א קאָו-ספּאנסאר פון די ביל, לויב איך אויס די גאווערנער פארן עס אריינשרייבן אין געזעץ און אנערקענען אז עס איז נישט בלויז סימבאליש נאר זאכליך און אז עס וועט פירן צו פארמערטע גערעכטיגקייט פאר די קאמיוניטיס."

**אסעמבלי מיטגלידערין MaryJane Shimsky (מערי דזשעין שימסקי) האט געזאגט,** "מענטשן פון מיטל מזרח און צפון אפריקאנע אפשטאם האבן אן אייגנארטיגע רייע פון אפשטאמיגע און קולטורישע מסורות, און זיי זענען אסאך גערודפ'ט געווארן פאר זייער אידענטיטעט אין די יארן זינט די סעפטעמבער 11 אטאקעס. ארויפבויענדיג אויף די פארשריט פון אונזער 2021 געזעץ אנערקענענדיג די AAPI קאמיוניטי, וועט די ביל וואס איז היינט אונטערגעשריבן געווארן דורך גאווערנער Hochul (האקול) אונז ערמעגליכן צו אידענטיפיצירן אנגעלעגנהייטן וואו עס איז דא א נויט, נאכפאלגן האסע פארברעכנס און באשיצן די מענטשן רעכטן פון אונזערע MENA איינוואוינער. איך באדאנק די גאווערנער פאר איר שטיצע פון די ביל און פאר אונזערע קאמיוניטיס."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין און גרונדערין פון Malikah, Rana Abdelhamid (ראנא אבדעלחאמיד), האט געזאגט,** "אלס איינער וואס איז אויפגעוואקסן און ארגאניזירט אקטיוויטעטן אין Little Egypt, בין איך באגייסטערט ביז גאר צו זעהן די NY MENA אינפארמאציע קאטעגאריעס ( Data Disaggregation) ביל ווערנדיג אריבערגעפירט און אונטערגעשריבן דורך גאווערנער Kathy Hochul

(קעטי האקול), מיט די פירערשאפט שטיצע פון סטעיט סענאטאר Gianaris (דזשיענעריס) און אסעמבלי מיטגלידערין Gonzalez Rojas (גאנזאלעז ראָהאַס). דאס איז א גאר-נויטיגע און לאנג-ערווארטעטע טריט אין ריכטונג פון זיכער מאכן אז MENA ניו יארקער ווערן געציילט, געזעהן און געשטיצט. די אונטערנעמונג האט באדייטנדע השפעות ווען עס קומט צו ציווילע רעכטן און גערעכטיגקייט, אבער מיר ווייסן אז דאס איז נאר די אנהויב. מיר מוזן פארזעצן זיך צו ארגאניזירן אלס א קאאליציע צו זיכער מאכן אז MENA קאמיוניטיס אין ניו יארק באקומען די גערעכטיגקייט, זעהבארקייט און פארטרעטונג וואס קומען זיך אונז. Malikah איז פארפליכטעט צו די ארבעט, און איך בין שטאלץ מיט די לאקאל-געטריבענע כוח און מיט אונזער NY MENA קאאליציע וואס האט געמאכט די זיג פאר א מעגליכקייט."

**וויצע פרעזידענט פון Yemeni American Merchants Association און CEO פון Bridging Cultures Group, Dr. Debbie Almontaser (דר. דעבי אלמונטאסער), האט געזאגט,** "די תימנ'ער-אמעריקאנער קאמיוניטי איז ברייט באקאנט פאר אירע ביזנעס ווארצלען אין די פאראייניגטע שטאטן און ארום די וועלט. אלס וויצע פרעזידענט און איינע פון די גרינדער פון די Yemeni American Merchants Association, איז די אריבערפירונג פון די MENA ביל א געווינס פאר איבער 10,000 תימנ'ע-אמעריקאנע ביזנעסער אין NYC און אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט, צווישן אנדערע אראבישע און צפון אפריקאנע קאמיוניטיס. אלס א ביזנעס אייגנטומערין מיט WBE סטאטוס, בין איך באגייסטערט ביז גאר צו ווערן אנערקענט לויט מיין אפשטאם צווישן אנדערע מינאריטעט קאמיוניטיס וועלכע ווערן אנערקענט אלס MWBE'ס. א גרויסע דאנק פאר סענאטאר Gianaris (דזשיענעריס) און אסעמבלי מיטגלידערין Gonzalez-Rojas (גאנזאלעז-ראָהאַס) פאר זייער מידלאזע ארבעט אויף די ביל מיט די סענאט און אסעמבלי און פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן עס אריינשרייבן אין געזעץ. די עמפייער סטעיט טוט ווידעראמאל פירן אלס א מוסטער פאר די רעשט פון אונזער לאנד."

**New York Immigration Coalition פרעזידענט און CEO, Murad Awawdeh (מוראד אַוואַודע), האט געזאגט,** "די אריבערפירונג פון די MENA דעמאגראפישע ביל איז א היסטארישע דערגרייכונג פאר מיטל מזרח און צפון אפריקאנע (MENA) קאמיוניטיס אריבער ניו יארק. פאר צענדליגע יארן זענען MENA און אראביש-אפשטאמיגע קאמיוניטיס געווען דורכזיכטיג אין אונזערע רעגירונג אינסטיטוציעס — מיט זייערע אייגנארטיגע אידענטיטעטן, שוועריגקייטן און ביישטייערונגען בלייבנדיג אפט אומאנערקענט. די ביל ברענגט די לאנג-נויטיגע זעהבארקייט וואס קומט זיך זיי, און עס צייכנט אפ א באדייטנדע טריט פאראויס אין די אנגייענדע קאמף פאר פארטרעטונג און גערעכטיגקייט אריבער די סטעיט. דורכן אריינרעכענען MENA קאמיוניטיס אין די קריטישע דיסקוסיעס, טוט ניו יארקער אנערקענען אז זייערע שטימעס קענען האבן א ראלע אינעם אויספארעמען פאליסיס וואס האבן א דירעקטע ווירקונג אויף זייערע לעבנס און ביישטייערן צו א מער גערעכטע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

**CEO און גרונדערין פון Women's Empowerment Coalition of NYC, Somia Elrowmeim (סאָמיא עלראָומעים), האט געזאגט,** "די אריבערפירונג פון די MENA אינפארמאציע קאטעגאריע ביל איז א דורכברעכנדע עררייכונג פאר מיטל מזרח און צפון אפריקאנע קאמיוניטיס אין ניו יארק. די ביל אדרעסירט צענדליגע יארן פון דורכזיכטיגקייט דורכן אנערקענען די אייגנארטיגע שוועריגקייטן און ביישטייערונגען פון די קאמיוניטיס. דורכן זיכער מאכן אז זיי ווערן אריינגערעכנט אין אינפארמאציע און אין באשלוסן, פלאסטערט דאס אויס די וועג פאר מער גערעכטיגקייט און פארטרעטונג. די Women's Empowerment Coalition of NYC איז שטאלץ צו האבן געארבעט האנט ביי האנט מיט די געוואלדיגע מיטגלידער פון די NY MENA קאאליציע צו מאכן די דערגרייכונג פאר א רעאליטעט. די הצלחה ווייזט אויף די כוח פון צוזאמענארבעט און אונזער מיטגעטיילטע פארפליכטונג צו זיכער מאכן אז MENA קאמיוניטיס ווערן געזעהן, דערהערט און אריינגענומען אין באשלוסן וואס האבן א השפעה אויף זייערע לעבנס."

**פעלד ארגאניזירער ביי די Armenian-American Action Network New York, Christine Serdjenian Yearwood (קריסטין סערדזשעניען יעירוואוד), האט געזאגט,** "דאס איז א היסטארישע און געוואלדיגע מאמענט פאר די ציווילע רעכטן פון MENA ניו יארקער. אונזערע קאמיוניטיס וועלן ענדליך באקומען די פארטרעטונג וואס קומט זיך זיי. ווען מען זעהט זיך ווערנדיג פארטרעטן, גיבט דאס כוח. דאס איז א טאג פון זיג א דאנק די קאאליציע, די שטארקייט פון אונזערע קאמיוניטיס און דורות וועלכע האבן זיך אפגעזאגט צו אויסגעמעקט ווערן. צום ערשטן מאל אין היסטאריע וועלן מיר האבן א מער ריכטיגע חשבון פון ווען מיר זענען אלס MENA קאמיוניטיס אין ניו יארק. ארמענער האבן געקעמפט לאנג און שווער צו געציילט ווערן אין אינפארמאציע. די Armenian-American Action Network האט ענטוזיאסטיש געשטיצט די ביל כדי צו ברענגען פאסיגע דעמאגראפישע אידענטיפיקאציע פאר ניו יארק'ס פארשידנארטיגע MENA קאמיוניטיס. מיט די ביל וועלן מיר ענדליך זעהן אונז און אונזערע ערפארונגען ווערנדיג אפגעשפיגלט ריכטיגערהייט אין די ניו יארק סטעיט צענזוס. מיר באדאנקען סענאטאר Gianaris (דזשיענעריס) און אסעמבלי מיטגלידערין Gonzalez-Rojas (גאנזאלעז-ראָהאַס) פאר זייער שטיצע דורכאויס די יארן, די סענאט און אסעמבלי פארן דאס אריבערפירן און גאווערנער Hochul (האקול) פארן עס איינשרייבן אין געזעץ. מיר קוקן שטארק ארויס צו זעהן די השפעה וואס דאס וועט האבן ביים פארבעסערן די געזונטהייט, פארטרעטונג, ציווילע רעכטן און עקאנאמישע וואוילזיין פון אונז אלע אלס MENA ניו יארקער."

**Emgage עקזעקיוטיוו דירעקטארין אין ניו יארק מעטראָו ראיאן, Heba Khalil (היבא חאליל), האט געזאגט,** "דאס איז א היסטארישע אריבערפירונג פון א ביל פאר MENA קאמיוניטיס אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט, באזונדערס דורכאויס אזא שווערע יאר. אזוי ווי מיר קוקן צו די צוקונפט, טוהען מיר גלויבן און האפן אז די MENA אינפארמאציע קאטעגאריעס וועלן האבן א פאזיטיווע און לאנגיאריגע השפעה אויף MENA ניו יארקער און אלע ניו יארקער, אזוי ווי מיר ארבעטן און שטרעבן פאר א מער גערעכטע צוקונפט פאר אונז אלע. א דאנק פאר די סטעיט אָוו ניו יארק און פאר די MENA קאאליציע פארן זיכער מאכן אז די קריטישע ביל גייט דורך."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארינס פון די Coalition for Asian American Children and Families (CACF), Anita Gundanna (אניטע גונדאנא) און Vanessa Leung (וואנעסא ליונג), האבן געזאגט,** "די אונטערשרייבונג פון די ניו יארק סטעיט MENA אינפארמאציע קאטעגאריע ביל איז א היסטארישע טריט צו זיכער מאכן אז מיטל מזרח און צפון אפריקאנע (MENA) ניו יארקער ווערן אנערקענט ווען די סטעיט זאמלט אינפארמאציע. MENA ניו יארקער גייען אריבער אייגנארטיגע גערانגלען אין געזונטהייט, עדזשוקעישען, האוזינג און פאליטישע פארטרעטונג, און דאס האבן קלאר צוטיילטע ציפערן אויף די קאמיוניטיס וועט ערלויבן אונזערע סטעיט און סיטי רעגירונגען, און אזוי אויך קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס אריבער ניו יארק, צו בעסער ארבעטן צוזאמען אויף וועגן צו ברענגען פאר די באפעלקערונג די הילפס-מיטלען וואס זיי דארפן. מיר באדאנקען גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר איר שטיצע פאר די ביל, און מיר סאלוטירן סענאטאר Michael Gianaris (מייקעל דזשיענעריס), אסעמבלי מיטגלידערין Jessica González-Rojas (דזשעסיקע גאנזאלעז-ראָהאַס) און אלע אנדערע שתדלנים און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס אין די NY MENA קאאליציע פאר זייער מידלאזע ארבעט צו זיכער מאכן אז די ביל ווערט איינגעשריבן אין געזעץ."

**שתדלנות און מיטארבעט פירערין ביי די Arab American Family Support Center, Salma Mohamed (סאלמא מוחאמאד), האט געזאגט,** "אין איינס פון די מערסט פארשידנארטיגע שטעט אין דאס לאנד, וועלן ניו יארקער פון מיטל מזרח און צפון אפריקאנע אפשטאם מער נישט זיין דורכזיכטיג, ווערנדיג אריינגעלייגט אין אומקלארע קאטעגאריעס ווי 'ווייס' אדער 'אנדערע'. דאס נישט אנערקענט ווערן האט באגרעניצט די קולטורישע פארטרעטונג און מער באזארגנדיג — האט דאס פארמאסקירט עכטע שוועריגקייטן און באדערפענישן פון אונזערע קאמיוניטיס, אריינרעכענענדיג צוטריט צו פאסיגע העלטקעיר און קאמיוניטי פינאנצירונג. מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול), סטעיט סענאטאר

Gianaris (דזשיענעריס) און אסעמבלי מיטגלידערין Gonzalez-Rojas (גאנזאלעז-ראָהאַס) פאר זייער שטיצע."

**קאאליציע ארגאניזירער ביי די Arab American Association of New York (AAANY), Maryam Khaldi (מאריאם חאַלדי), האט געזאגט,** "אלס שתדלנים פאר ניו יארק'ס לעבהאפטיגע MENA קאמיוניטיס, טוהען מיר ביי די AAANY פייערן די היסטארישע טריט אין ריכטונג פון ברענגען אן ענדע צו צענדליגע יארן פון דורכזיכטיגקייט. מיט די ביל, עפענען זיך די טירן פאר בעסערע פארטרעטונג, גערעכטע צוטריט צו קריטישע מיטלען און ציפערן וואס שפיגלען אפ אונזער אמת'דיגע אנוועזנהייט און באדערפענישן. מיר מוזן אבער אנערקענען אז דאס אריינלייגן מדינת ישראל אין די ליסטע טוט ביישטייערן צו די אנגייענדע פארזוכן צו אפמעקן פאלעסטין און די פאלעסטינע קאמיוניטי. מיר בלייבן פעלזן-פעסט אין אונזער שתדלנות צו זיכער מאכן אז פאלעסטין ווערט אנערקענט פאר זיך אליין."

**Muslim Community Network עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Husein Yatabarry (חוסעין יאטאבארי), האט געזאגט,** "די אריבערפירונג פון די MENA אינפארמאציע קאטעגאריע ביל איז א לאנג-נויטיגע זיג פאר אונזערע קאמיוניטיס. עס מאכט זיכער אז MENA ניו יארקער זענען מער נישט דורכזיכטיג און אז די קאמיוניטי ווערט אנערקענט. דאס איז מער פון בלויז ציפערן; עס איז אן עניין פון גערעכטיגקייט, הילפס-מיטלען און פארטרעטונג. ביי די Muslim Community Network זענען מיר שטאלץ צו שטיין מיט די NY MENA קאאליציע ביים ערררייכן די היסטארישע דערגרייכונג. דאס איז וואס געשעהט ווען מיר קומען זיך צוזאם צו קעמפן פאר טויש — אונזערע קאמיוניטיס ווערן ענדליך געזעהן און גענומען אין חשבון."

**YAMA Action פרעזידענט, Youssef Mubarez (יוסעף מובארעז), האט געזאגט,** "גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול)'ס אונטערשרייבונג פון די MENA אינפארמאציע קאטעגאריעס ביל זאגט עדות איבער די ארבעט פון אונזערע קאמיוניטיס. דאס איז א מאמענט צו פייערן פארשריט, אזוי ווי עס מאכט זיכער אז די תימנ'ער-אמעריקאנער קאמיוניטי און אנדערע MENA באפעלקערונגען ווערן געזעהן, דערהערט און גענומען אין חשבון. מיט מער פונקטליכע ציפערן, קענען מיר בעסער ארויסהייבן די געוואלדיגע ביישטייערונגען פון ביזנעסער מיט תימנ'ער אייגנטימער וועלכע זענען די הארץ פון געגנטער אריבער ניו יארק און אזוי אויך זיכער מאכן אז זיי באקומען די הילפס-מיטלען און אנערקענונג וואס קומען זיך זיי. מיר באדאנקען סענאטאר Gianaris (דזשיענעריס) און אסעמבלי מיטגלידערין Gonzalez-Rojas (גאנזאלעז-ראָהאַס) פאר זייער שטיצע און גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט, און מיר קוקן ארויס צו זעהן די פאזיטיווע השפעה וואס דאס וועט ברענגען פאר אונזערע קאמיוניטיס."

**Yemeni American Community אקטיוויסט, Badr Alsaidi (באַדער אלסאַידי), האט געזאגט,** "די אריבערפירונג פון די ביל איז א זאך וואס פעהלט שוין פון לאנג אויס פאר אונזערע קאמיוניטיס. פאר צענדליגע יארן האבן מיר נישט געהאט די נויטיגע פארטרעטונג און נישט גענוג הילפס-מיטלען. דאס צייכנט אפ א באדייטנדע דערגרייכונג ביים ערררייכן יושר'דיגע פארטרעטונג, זיכער מאכנדיג אז מיר ווערן געזעהן, דערהערט און געשטיצט. מיר קוקן ארויס צו פארזעצן אונזער ארבעט אלס א קאאליציע צו גאראנטירן אז אונזערע קאמיוניטיס האבן א שטארקע שטימע אין באשלוסן וואס האבן א השפעה אויף זייערע טאג-טעגליכע לעבנס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK

צו 81336

זיך ארויסשרייבן